ב"ה

# אין ליכט
# פון תורה

ספר

# וויכטיג
# פאר יעדען
## על הלכות ניקור

לשון הקודש ואידיש

**146**

הוצאת אמונה
ברוקלין נוא יארק,
שנת תשמ"א לפ"ק

בעזהי"ת

# וויכטיג פאר יעדען!!!

שבט־ניסן תש"מ

**חוברת זאת אפשר להשיג אצל**
**העורך הרב מרדכי מלאכי**
**תל־אביב, הס' 7 טל. 294748**

מחיר החוברת:
בארץ ישראל....12 ל"י
בחוץ לארץ... 50 סענט

# חֵלֶב — און אידישע צרות

## פרק א.

(הערה — דאס ווארט מנקר זיין מיינט אראפנעמען דעם אסור'דיגען חלב).

**איך בין נישט קיין שרייבער פין אמאל און נישט פין היינט, אבער ווי זאגט די וועלט אַז עס דריקט ביים הארץ רעדט מען זיך אויס.**

**פין קינדוויַיז אָהן האט מיך שטענדיג געצויגען צום ווינקעל פין "כשרות" והבא לטהר מסייעין לו מיט השי"ת הילף האב איך שוין ארויסגעהאלפען אסאך דערפער און שטעט אין דעם געביט שלא על מנת לקבל פרס.**

**אויך אין ארץ ישראל (ווי איך בין געווען שטארק מקורב מיט הרה"ג ר' זעליג ראובן בענגיס זצ"ל) האב איך בעזה"י אסאך צווגעהאלפען מתקן זיין פירצות פין כשרות און זעלבסט פארשטענדליך אזוי ווי ביי יעדן דבר טוב האב איך געהאט אויך מתנגדים.**

(עס איז אינטערסאנט צו באמערקען א קורץ עובדא'לע,) קומענדיג אויף אמעריקע בין איך געווען אין קרית יואל — מאנרוי ביים סאטמער רבי'ן (זצ"ל) האב איך זיך מזכיר געווען אז איך דארף א ישועה מען זאל מיך הארבען אין ארץ ישראל אין עניני כשרות, האט דער סאטמער רבי (זצ"ל) געזאגט! וואס דארפט איר שרייען דארט ווי מען הערט אייך נישט שרייט דא ווי מען וועט אייך יא הערן! !

מיין בעל הבית'טע האט געוואלט קויפען פלייש דא אין אמעריקע פון א געשעפט וואס הייסט דאס בעסטע און כשר'סטע, בין איך געגאנגען באטראכטען דאס פלייש אזוי ווי איך בין אייביג געוואוינט צו טוהן, און אוי ביטעה! עס ליגט דערויף חלב גמור, בין איך תיכף געגאנגען צום רב המכשיר, איז ער צוטומעלט געווארען און געזאגט אז ער וועט טוהן מתקן צו זיין, זעהנדיג וואס פאסירט בין איך אריבער צו א צווייט געשעפט אין וויליאמסבורג וואס רופט זיך פון די בעסטע אין ווייטער געטראפען חלב (אגב, דארט איז דער מנקר א'עם הארץ גמור) אזוי בין איך אריבער צו דעם רב, און ווייטער דאס זעלבער ער וועט טוהן ער וועט מתקן זיין, אזוי בין איך די פיער וואכען וואס איך בין געווען אין אמעריקע געקראכען אין געפארען פון בוטשער (יאטקע) צו בוטשער — פון רב צו רב, אנהויבענדיג צופריה נאכן דאווענען ביז פארנאכט ווען איך האב אויסגעפאסט

דער סך הכל האב איך געטראפען אזוי:

א) בוטשערס (מנקרים) וואס קענען נישט קיין הלכות ניקור פון שלחן ערוך נאר זיך געלערנט פון קיקען ווי אזוי יענער טוט.

ב) בוטשערס (מנקרים) וואס האבען נישט געוויסט אז מען דארף מנקר זיין חלקים וואס א יונגעל אין חדר וואס האט געלערנט אמאל מסכת חולין ווייסט אויך ווי צ.ב.ש. קישקע וואס האט חלב דאורייתא.

ג) עס איז נישטא קיין איין בוטשער וואס זאל האבען השגחה אויף ניקור, ווייל דער רב המכשיר פארשטייט נישט צו ניקור, און די תמימות'דיגע אידען וואס צאלען פיהל געלט

פאר גלאט כשר פלייש זענען שטונענד איבעראשט געווארען אז אויף ניקור איז לגמרי קיין השגחה נישטא, ווייל דער רב פארשטייט נישט, און דער מנקר וואס ווייס דאס טוט וואס ער וויל אהנע שרעק, נישט ווי אמאל אין די היימישע פלעצר (אין סאטמאר צום ביישפיל) ווי דער קצב האט נישט געקענט עפענען דער בוטשער נאר דעם משגיח, און מיט הינדערט אויגען האט מען נאכגעקוקט דעם מנקר אויב ער טיט זיין ארבעט באמנות, ווי איינער האט מיר געזאגט דאהי״ אין וועלכן שטאט איז דאס מעגליך געווען צו טרעפען אז דער קצב זאל זיין באגלייבט אויף זיין ארבעט אהנע משגיח??„

ד) עס זענען דא בוטשערס (מנקרים) וואס האבען געלערנט זייער פאך פין ספרים בלויז, וואס דאס איז דאך א פארברעך ווייל דער רמ״א שרייבט אז די הלכות פון ניקור קען מען נישט אראפשרייבען, דאס מוז געלערנט ווערן פון א מומחה וואס האט דאס מקובל דור אחר דור.

פרק ב.

לא יאומן כי יסופר וויפיל עגמנ״פ און צער די גאנצע פרשה האט מיר געברענגט ביז איך האב באשלאסען מקיים צו זיין די מאמר חז״ל דאגה בלב איש ישיחנה, און איך שטעל פאר מיינע רייד אין צוויי טייל די ערשטע טייל צו פארענטפערן שאלות מיט קושיות וואס מען האט מיר געפרעגט, און די צווייטע טייל פארשידענע קושיות וואס איך האב אויך נישט געפינען קיין תירוץ און איך פארלאנג פין יעדן איד (בפרט די וואס עסען בהמה פלייש) מיר צו זאגען דעם ריכטיגען תירוץ (אבער בתנאי) — דער תירוץ זאל זיין תורה׳דיג און פארשטענדליך, נישט תירוצים וואס פארשטארקען נאך מער די קושיות, ווי צום ביישפיל "מען האט באשלאסען" "עס איז געווען א אסיפה" דער ארץ ישראל׳דיגער רעדט נארישקייטען", אדער "דער מנהג (צו עסען) ברעכט דעם דין": אינדערהיים איז אויך אזוי געווען כו׳.

## פרק ג:

(א) שאלה: וויאזוי פארפירט איר ווען חלב אפשר איז אייער מנהג נאר לויט מנהג ארץ ישראל אבער נישט אין חוץ לארץ?.

תשובה: ערשטענס מיז איך באמערקען אז איך האב נישט געלערנט ניקור אין ארץ ישראל נאך אין חוץ לארץ דאס מיינט אין פולי"ן, און איך האב זיך אינטערסירט ביי א מנקר וואס האט געלערנט אין אונגאר"ן און ער האלט אויך די זעלבע, און איך בין אויך עדות אז דעם זעלבן ניקור וואס איך טוה היינט אין ארץ ישראל האב איך געלערנט דאמאלטס, און דאס זעלבע האבען עדות געזאגט היינט צו טאג נאך צוויי מנקרים ת"ח יראי ה' באמת אז זיי האבען מנקר געווען פלייש פאר ארץ ישראל דעם זעלבן וועג ווי זיי האבען געלערנט אין חוץ לארץ.

צוויטענס איז בלויז געוויסע חלקים שייך צו זאגען חילוקי מנהגים, אבער איך האב געטראפען חלב אויף פלעצער ווי עס ווערט נישט דערמאנט אפילו אין אונגארישע פוסקים אזוי ווי "גבעת פנחס" אז עס איז דא ביי דעם א חילוק אין מנהג, און אונגארישע רבנים (וואס האבען נישט לע"ע קיין השגחה אויף בוטשערס) האבען מיר גערעכט געגעבן אהן קיין שום ספק.

דריטענס נעמט גיט אריין אין קאפ א וויכטיגען כלל, די בהמות אמאל זענען געווען סאך כחושים (מאגערער) ווי היינט, דעריבער איז געווען געוויסע חלב וואס עס איז רוב מאל נישט שייך געווען מנקר צו זיין, אזוי אז עס האט געקענט פאסירען אז דער וואס האט זיך געלערנט פון א פריערדיגען מנקר האט נישט מקבל געווען דעם חלק ניקור.

(ב) שאלה: אויב איך וויל זיך פינקטליך אינטערסירען דעם אייראפעישען ניקור ביי וועמן זאל איך פרעגן?.

תשובה: לדעתי, די אלע וואס זענען יעצט מנקר איז שווער צו פרעגן ווייל זיי זענען געצווינגען צו זאגען אז דער סדר הניקור איז געווען אמאל אזוי ווי ער טיט זיי טוען יעצט, ווייל אין אדם משים עצמו רשע צו זאגען אז אמאל איז געווען אנדערש ווי היינט, אבער די אמאליגע מנקרים און האבען אין אמעריקע נאכנישט מנקר געווען וואס האבען א פארלעסליכע קבלה פין דערהיים און זענען ת"ח ויראי ד' וואס שפירען דעם אחריות פין כשרות, די קען מען פרעגן, אבער נאר די וואס וועלען נישט פארלייקענען דאס אמת צוליב א פחד פון די

פארשידענע קצבים א.ד.ג. אדער צוליב קורבת משפחה פון מנקרים, שוחטים, בוטשערס, רבנים, ועוד.

(ג) שאלה: האט איר געטראפען חלב שעל הכרס וואס די בני ה״ינו״ס האבען זיך געפירט לקולא, און וויאזוי האט מען זיך געפירט אין אונגארן ביי דעם?

תשובה: איך האב ליידער געטראפען דעם חלב ביי אסאך בוטשערס, (נישט ביי אלע) און די אונגאריש״ע מנקרים זאגען עדות אז מען פלעגט דאס מנקר זיין אין דער אלטער היים.

(ד) שאלה: אפשר איז דאס פלייש וואס איר האט אנגעטראפען נאך געווען פארן ניקור?

תשובה: מיין מנהג איז געווען אין יעדן בוטשער איידער איך האב גענומען דאס שטיקעל פלייש אין האנט האב איך געפרעגט דעם קצב אויב עס איז שוין כשר געמאכט און ער האט געענטפערט יא. אויך האבען שוין די אלע פליישען געהאט די כשרע פלאמבעס דערויף און געווען גרייט צו פארקויפען.

(ה) שאלה: ווען איר האט דערציילט פאר די מכשירים און זיי האבען אלעס ערנסט אויפגענומען, און לויט ווי עס זעהט אויס האבען זיי געוואלט דאס ענין מברר זיין, פארוואס האבען זיי נישט תיכף געלאזט מודיע זיין אז ווילאנג זיי זענען מברר די שאלה זאל מען נישט קויפען אדער עסען קיין בהמה פלייש, נישט עסען א טאג־צוויי איז אודאי דבר שרוב הציבור יכולין לעמוד בה, דער אחריות איז דאך א געוואלדיגע?

תשובה: איך קען אייך זאגען די תשובות וואס איך האב ערהאלטען, מער ווייס איך נישט, איינער האט געזאגט אז ער גייט צוזאמרופען די רבנים, פון דאמאלטס איז אדארך א שטיק צייט און עס איז, גאר נישט געמאכט געווארען.

איינער האט געזאגט אז ער האט געבעטן א צווייטען רב צוזאמרופען די רבנים מיט דעם האט ער גענוג געטוהן.

איינער האט בשעת מעשה ביים בוטשער אין געשעפט (ווען איך האב געטענה׳ט אז דאס שטיקעל פלייש איז נישט געהעריג מנוקר) געריפען דעם מנקר און יענער האט זעלבסטפארשטענדליך מעיד געווען אויף זיין שטיקעל ארבעט אז אזוי האט מען שטענדיג מנקר געווען עד להחת״ס זצ״ל, און דער רב איז געווען צופרידען, (ועי׳ בש״ס קידושין ע׳ ע״ב תלמיד שמורה הלכה אם קודם שבא מעשה לידו אמרה, שומעין לו, ואם לאו אין שומעין לו).

איינער האט געזאגט רב מלאכי! איר וועט מצליח זיין איר דארפט נאר ווייטער טוהן! אבער עס איז נישט אריינגעטרעטן קיין שום השתנות די איבריגע האבן גענפערט עהנליך צו די אויבענדערמאנטע תירוצים.

איינער האט מחזק געווען און געגעבען עצות ווי אזוי איך זאל ווייטער אנגיין מיט די ארבעט און ער וועט צוהעלפען.

(ו) שאלה: ווער זאגט אז ניקור מיז האבען השגחה.

תשובה: אלע פלעצער אינדערהיים פלעגט רער ניקור זיין מיט שטרענגע השגחה, צוויטענס עס איז ידוע מפי ספרים וסופרים אז א קצב איז נישט באגלייבט אויף זיך בדבר שיש בו טורח, און פאר אמעריקע האב איך נישט געוויסט אזא מין זאך אז מען איז מנקר פלייש אהנע השגחה.

וראה מש״כ בס׳ גבעת פנחס על הלכות ניקור מאת הרה״ג המ״פ בחיבוריו היקרים מוהר״ר **פנחס זעליג** הכהן שווארטץ זצ״ל שהי׳ ראש מנקר בק״ק קליינייארדיין יצ״ו נכד הגה״ק מרן בעל קול אריה זיעוכי״א. וזל״ק וראיתי מהנכון להעתיק מקודם מ״ש הפרמ״ג באו״ח (בהנהגות הנשאל באו״ה סדר ב׳ אות א׳) וז״ל ובעוה״ר לע״ע אין לומדין דיני ניקור ומסור לכל, וראוי לכל מורה אם באפשר לו ללמוד אשרי וטוב לו עכ״ל. והובא גם בדרכי תשובה (סי׳ ס״ד סקמ״ד) והוסיף מ״ש ביש״ש (פ״ק דחולין סי׳ ב׳) שכתב שאין לבעל נפש לסמוך על שום מנקר אלא אם מכיר שהוא ירא אלקים ובקי במלאכת הניקוד עיי״ש, ובס׳ בית יצחק כתב תוכחת מוסר על הרבנים שמשכו ידיהם מן המנקרים בשר ליתן השגחה עלהם וסומכים על המנקרים שלמדו איש מפי איש ולפעמים גם רבו לא שנה ואם כן תלמידו מנין לידע וגם בחלק הפנימי הכל ממשמשין בו נשים ועבדים וקטנים ובפרט שוחטי זמנינו שלומדים דיני שחיטות ובדיקות מחדש ולקחו קבלה מהרב וענין ניקור לא ראו ולא ידעו כלום ועכ״ז לאחר שנתמנו לשו״ב עושים א״ע למנקרים והעולם סומכים עליהם ואין מי שישגיח עליהם והכל הוא מפני שגם הרבנים בעלי הוראה אינם בקיאים בטוב ענין זה, ע״כ צריך הרב ללמוד בעצמו מקודם

בטוב סדר הניקור דחלק הפנים ואח״כ ישאל להשו״ב ולהורות להם הדרך אשר ילכו בו שלא יכשול ח״ו ולא יצא מתח״י דבר שאינו מתוקן ע״ש, ובשו״ע יו״ד (סי׳ ס״ד סעיף כ״א) וז״ל טבח שדרכו לנקר בשר ונמצא אחריו חוט או קרום מלמדין אותו ומזהירין אותו שלא יזלזל באיסורין אבל אם נמצא אחריו חלב אם הוא כשעורה מעבירין אותו ואם נמצא אחריו כזית אפילו

בהרבה מקומות מכין אותו מכות מרדות ומעבירין אותו עכ״ל, ובדרכ״ת שם הביא בשם הפסקות של של הגאון מהר״י סוראזינא כה״ץ הנדפס בסוף תשו׳ הרא״ש בפסוק הא׳ שמשבח המנהג דק״ק קראקא שהקצבים והמנקרים אינם הדיוטים מע״ה שאין בידיהם רק מצות אנשים מלומדים ולא יותר כמו שאר מקומות אלא שכל הקצבים ומנקרי בשר הם רבנים חכמים יודעים ספר במלחמתה של תורה, וכ׳ שכן הוא המנהג עוד בכל ארץ אשכנ״ז ביאמי״ה פולינא״ה ורוסי״א לבלתי למנות קצבים כי אם בעלי תורה ויראה הנ׳ וגם מנקרי האחוריים צריכים שיהיו יודעי ספר בקיאים ומומחים בדיני החלבים בהניקור ע״ש. ועי׳ בכרתי (סוף סי׳ ס״ה) שכתב ג״כ דבזה״ז יש להחמיר יותר שלא לסמוך על חזקות כשרות המנקר כיון דעכשיו בזה״ז רבו החומרות וכבר עליו הטורח ועל הרוב אינם בני תורה וכו׳ ואי לסמוך בניקור כ״א על בקי וירא ה׳ מרבים וכ׳ ח״ל: שמיום עמדי על דעתי שלמדתי הלכות ניקור להיות בקי בהן ובשמותיהן לא סמכתי על מנקר כי אם מה שהייתי מנקר בעצמי ויגיע כפי אכלתי עיי״ש. [ועיי׳ מ״ש בפתיחה (אות ט״ו) בשם דרך פיקודיך].

הן אלה הדברים עוררוני ללמוד ענין הזה על מכונו כי זה הרבה שנים שאני עוסק בעניני ניקור והייתי בהרבה עיירות גדולות וקטנות וראיתי בעוה״ר שיש הרבה מכשולים גדולים ועוררתי עליהם וכולם נתנו לי טובת עין, ואם שיש עיירות שעומדין משגיחים על הנקור אכן גם הם לא ידעו ולא יבינו מה להשגיח כי כל השגחתם על ענינים אחרים ולא על העיקר ותשלומין מקבלים מהקצבים, וממילא אפילו אם רואה איזה ענין קלות אצלו מוכרח להיות עומד ושותק כי בוקי סרוקי תלוי בו, ע״פ מהיותר טוב שיתנו תשלומים מקופת הקהל ויאסרו על המשגיח לקבל אפילו מתנה קטנה מהקצבים וממילא הוא יעמוד עליהם בראשם וכל דבריו יהי׳ נשמעין.

והנה בשו״ע יו״ד (סי׳ ס״ה סעיף ח׳) ואין ללמוד סדר הניקור רק במראית עין מן המומחה הבקי בניקור עכ״ל וכבר הביאו הראשונים ואחרונים זה בכה וזה בכה סדר הניקור, והעיקר הוא כן נחלו לנו אבותינו איש מפי איש סדר הניקור ובעוה״ר עיני ראו שיש מכשולים גדולים כי נשכח הענין לגמרי, ע״כ אמרתי לזכות את הרבים ואפרש מעשה מלאכת סדר הניקור של כל חתיכה וחתיכה מחלק הפנים עם ציורים, וכו׳ עכ״ל עיי״ש.

(ז) שאלה: קען א רב אדער דיין, אדער סתם למדן מעיין זיין אין ספרים אין מברר זיין הלכות וואס זענען פארבינדען מיט ניקור?.

תשובה: דער דאזיגער שאלה איז א שאלת חכם, יעדער וואס איז בקי ומומחה בה׳ ומלאכת ניקור ווייסט אז צו קענען זאגען א מיינונג אין ניקור פאדערט זיך צוויי תנאים, א׳. דורכצולערנען הלכות ניקור על בור׳. ב׳. מקבל צו זיין פין א מנקר מומחה דעם פראקטיק דאס מיינט לערנען ז״ך אויף א בהמה, און צו פארשטיין אלעס על בורי׳ פארלאנגט זיך וואכען און חדשים. און אהן די צוויי תנאים פארשטייט מען גארנישט און מען טאר בכלל נישט זאגען מיינונגען איבער דער זאך.

(ח) שאלה: אויסער ניקור זענט איר צופרידען פין אלע אנדערע פראבלעמען וואס זענען שייך ביי בהמה פלייש דהיינו די שחיטה, בדיקה, מליחה, א.ד.ג.?.

תשובה: דער אמת געזאגט זענען דא פיהלע פראבלעמען ביי בהמות דאס פלייש זאל זיין כשר ביזן ניקור אויך, דאס מיינט קודם ביי די שחיטה, דער חלף איז גרעסער און שווערער צו שטעלן ווי ביי עופות, די בדיקת פנים און בדיקת חוץ פין די ריאה, א. א. וו. נאר ווי שוין דערמאנט איך האב זיך נישט אינטערגענימען די אויפגאבע פין קאנטראלירען די פליישען, בלויז די פרשה פין חלב וואס איז עפ״י סיבה צוגעקומען האב איך געהאלטען פאר א רמז מן השמים אז מען דארף טוהן דערין.

(ט) שאלה: איב איינער האט געקויפט פלייש מיט א פארלעסליכען הכשר מיינענדיג אז אלעס איז תחת השגחת הרב מרישא ועד גמירא נאכדעם האט ער זיך דערוויסט אז דער רב פארשטייט נישט צום ניקור, וואס דאס מיינט אז דאס טיט דער בוטשער על דעת עצמו, און דעריבער וויל ער דאס צוריקגעבן, איז ער בארעכטיגט צו דעם אדער נישט?.

תשובה: פרעגט א מורה הוראה.

(י) שאלה: היתכן איר באנוצט זיך מיט א שארפען לשון אז צוליב דעם וואס מען עסט אהנע געהעריגע ניקור ברענגט דאס צרות און קרענק רח״ל?.

תשובה: מיר זאגען דאס נישט פין זיך נאר די חז״ל און די ספה״ק רעדן איבער דעם באריכות אז מאכלות אסורות

ברענגט די ערגסטע צרות אויף דער וועלט און יענע וועלט, די צרה פון שטארבין איז דאך אויך נגזר געווארען אויף אדם הראשון מיט אלע שפעטערדיגע דורות צוליב עסען וואס השי״ת האט פארבאטען און די חז״ל שרייבען עירובין ק: אז צוליב דעם האט חוה באקומען (10) קללות עד סוף כל דורות.

אבער עס איז דאך כדאי להדגיש אז עס איז שוין געווען פיל מאל באשריבען אין פארשידענע פלעצער דורך גרויסע דאקטוירים און פראפעסארען אז בהמה פלייש ברענגט אויף מענטשען ערנסטע קראנקהייטען, הארץ קראנקהייט — קישקע קראנקהייט — קענסער ל״ע — עלערג״י (***elergy***) און אויך פארקאלכונג ל״ע השם ישמרנו, און אידען אינדערהיים האבען זיך נישט ערלויבט אזוי פיל בהמה פלייש און דאך זענען זיי געווען געזונט, שטארק, און געלעבט גליקלעך.

## פרק ד.

יעצט וועל איך זיך ערלויבען צו שטעלען עטליכע פראגען וועלכע זענען מיר קשה געווארען זייענדיג אין אמעריקע.

א. איך האב ב״ה געטראפען אין אמעריקע אידען שומרי תורה ומצות בכל פרטיה, אידען מדקדקין בקלה כבחמורה, מסירות נפש אידען וכו׳ וויאזוי איז דאס מעגליך אז די שענסטע און בעסטע בוטשערס זאלען נישט האבען א השגחה אויף ניקור?.

ווי אזוי געט מען איבער נאמנות פאר א פראסטען קצב אדער מנקר וואס קען טײלמאל נישט קיין צורת אות.

אפשר איז א חיוב צו מדגיש זיין אז דער בוטשער אויסער די ניקור איז תחת השגחת רב׳ פלוני?.

ב. די חז״ל זאגען (יבמות ע״ז. קידושין ע׳: בכורות ל״ח: וביור״ד רמ״ג סעי׳ ל״ו) א תלמיד חכם וואס זאגט נאך א הלכה בשם זיין רבי׳ן אויב ער זאגט דאס צוליב א מעשה וואס האט פאסירט איז ער נישט באגלייבט, דאס מיינט צו זאגען אז אויב א מנקר זאגט אז ער איז א תלמיד פון א גרויסען רבין אין אזוי האט ער מקבל געווען און דאס זאגט ער אין א צייט ווען ער אליין פירט זיך אזוי און ער מיז אזוי זאגען איז ער נישט באגלייבט.

ג. עס איז מעגליך אז ביי געוויסע מקומות האט מען אפשר מקיל געווען אין געוויסע חלקים ווייל עס האט אויסגעפעלט פעטען (בידוע אז אינדערהיים האט מען נישט געהאט קיין אויל און מען האט גענוצט בלויז פעטען ביי פליישיגע סעודות)

# וויכטיג פאר יעדען

אבער היינט וואס עס איז דא ב"ה בשפע פין אלעס פארוואס זאל מען נישט חושש זיין לדעת המחמירין פינקט ווי ביי מצות און אתרוגים, און אנדערע זאכען?.

ד. אפילו די וואס טענה'ן אז זיי פירען זיך אין בוטשער לויטן "אונגערישען ניקור" לשטתם מיט וואס פארא רעכט מאכט מען א שוויג דערפון, היתכן? עס דרייען זיך ארום אין אמעריקע פולישע, רוסישע, ליטווישע, סלאווישע, דייטשע, ארץ ישראל דיגע אידען און מען לאזט יעדן עסען פין

אונגערישען ניקור וואס ביי די אנדערע פלעצער האט מען דאס געהאלטען פאר א איסור דאורייתא ממש?? (ועי' תוס' פסחים יד. ד"ה שתי פרות).

היתכן א איד פין ארץ ישראל וואס איין וואך פריער אויב ער האט אויסגעזאלצען זיין פלייש מיט דעם חלב מוז ער אלעס אוועק ווארפען (בדליכא שישים) און אט קומט ער אויף אמעריקע באקומט ער דאס צו עסען? די הלכה איז דאך אז אויב א מענטש פארט פין איין פלאץ צום צווייטען בלויז אויף א קורצע ווילע מיז ער זיך פירען מיט אלע חומרות ווי דעם פלאץ פון ווי ער קומט, (עי' או"ח סי' תס"ח) און אפילו דער ארץ ישראל איד, אדער פוילישע'ר רוסישע'ר, גאליציאנער וואס וואוינט בקביעות אין אמעריקע ווער האט אים געגעבן א רעכט זיך צו פירען מנהג אונגארן? אמעריקע איז פארט נישט אונגארן!!

ה. וויאזוי קענען ת"ח מיט דיינים ורבנים וואס האבען נישט געלערנט ניקור (בפרט בפועל) זיך מפלפל זיין און זאגען מיינונגען אין די צייט וואס יעדער מנקר ווייסט אז אהנע יגיעה אין הלכות ניקור מיט פראקטישע אנווייזונגען פין א מנקר פארשטייט מען גארנשט?

ווי אזוי קען א רב געבען א השגחה אויף ניקור נישט ווסנדיג די הלכה?.

ו. פארוואס זאל מען נישט מודיע זיין פאר יעדן אז ניקור האט נישט קיין השגחה כדי דער חסיד (וואס איז בורח מצ"ט שערי איסור) זאל האבען א ברירה מחמיר צו זיין בלויז צו עסען עופות (טש'יקען)? אדער די חלקים וואס דארפען נישט קיין ניקור און זענען אויסגעזאלצען סעפעראט פאר זיך?.

ז. פארוואס אינדערהיים אין מיטעל אייראפ'ע האט מען זיך נישט פארלאזט אויף א מנקר נאר מיט א משגיח איבער אים, און דא איז דער מנקר וואס איז געווענליך דער בוטטש'ער

אליינס באגלייבט וכי אכשור דרא, זענען די אמאליגע אידען געווען ווייניגער באגלייבט ווי היינט?.

ח. לויט מיין אינפארמאציע האב איך זיך דערוויסט אז ביי געוויסע טיילען האט מען אינדערהיים מער מחמיר געווען ווי אין ארץ ישראל,... צום ביישפיל.. מען פלעגט אינגאנצען אוועק ווארפען דאס רויטע פלייש [יותרת הכבד], טייל בוטשערס יראי השם טוען דאס אויך היינט, און וויאזוי געט מען דאס דאהי צוזאם מיטן חלב צו עסען פאר יעדן איד יהיה מי שיהיה כאטש אינדערהיים ביי זיי האט מען גאר שטארק מחמיר געווען ביי דעם און דאס זעלבע ביישפיל איז שייך ביי נאך אנדערע חלבים.

ט. עס זענען דא היינט צו טאג לויט ווי איך ווייס צענדליגע בוטש'ער סטאר'ס איבער גאנץ אמעריקע וואס האבען נישט קיין שום השגחה אויף זייער בוטשער סטאר, זייער פארלעסליכקייט איז בלויז ווייל זיי פארקויפען געוויסע פליישען פון א גרויסע פירמא וואס האט א השגחה אויף די שחיטה פון באוויסטע רבנים, און דער בוטשער זאגט פאר יעדן אז זיין פלייש איז פון יענע פירמא וואס האט א פארלעסליכע הכשר, און אויף דעם סמך קויפט דאס יעדער, קיינער און ממש קיינער וויסט נישט אז ער מיז זיך נאך פארלאזען אויפן ניקור און כשר מאכען פונעם בוטש'ער, וואס איז ביי אים נישט באגלייבט אויף דעם (אבער אויפן פלייש גלייבט ער איהם ווייל ער ווייזט איהם דעם בלומבער,)?

נאכמער טייל פון די סארט בוטשער'ס ווייסען אליינס נישט וואס דאס באדייט ניקור צוליב עם הארצות (לוידער האב איך זיך איבערצייגט אז עס זענען דא גרויסע לומדים וואס זענען זיך טועה און מיינען אז היינט איז נישטא קיין ניקור נאר ביי חלק אחוריים), און מיינענדיג אז בלומבירט'עס פלייש איז שוין גרייט צו עסען פארקויפען זיין פלייש יאר נאך יאר אהנע ניקור, דער קויפער און פארקויפער נאר'ן זיך, ווי אזוי מעג מען דאס דערלאזען, וויאזוי איז בטל געווארען דער חזקה לחבר שאינו מוציא מתחת ידו דבר שאינו מתוקן?.(עי' באריכות לקמן פרק ו. או' ז').

י. פארוואס פאסירט אז ווען עמעצער איז מעורר אין פרט פון מאכלות אסורות וואס דאס איז מדברים העומדים ברומו של עולם נעמט מען דאס נישט גענוג ערנסט און מען פארלאזט זיך אויף סתם סברות צנומות ושדופות קדים נישט ווי דער מנהג פון חסידים הראשונים לברוח מצ"ט שערי היתר

כדי מען זאל ח"ו נישט אנרידען א איסור, כ"ש ווען דער איסור איז בכח צו פארשטאפען דעם מח און הארץ און אפהאקען די נשמה פון איר הייליגען שורש?.

קומט אויס: אז א 100 פערצענטיגער מנקר איז דא ממש געציילטע אין גאנצען שטאט, בעסער געזאגט "מדינה" דאס מיינט: ער זאל האבען דורכגעלערנט הלכות ניקור פון שלחן ערוך, מיט די אחרונים וואס שרייבען אויספירליך אלע איינצעלהייטען פון פראקטיק, און צוגעקיקט (שימוש) ביי א צוריטען וואס האט א קבלה אדער אנדערע באווייז אז ער איז א מנקר מומחה, און ער אליין זאל אויך האבען א רשות פון א מומחה אדער א רב וואס קען ניקור, און זאל דאס קענען איבער ווייזען פאר אנדערע דורך פארלאנג.

אין אפילו די געציילטע יראי ה' וואס פארמאגען אין זיך די אלע מעלות, כמעט האט קיינער נישט קיין געשריבענע איבערווייז אז ער קען דעם פאך, און אזוי ווי די רבנים קענען נישט "ניקור" אויף ווען מען פארלאזט מען זיך, מעג מען איבערגעבן דאס סמכות פון ניקור חלב פאר מענטשען וואס מען האט נישט קיין באווייז אויף גאנצע 100 פערצענט וואס זיי קענען.

אויפן בעסטען אופן אפילו, איז אבער נישטא קיין שום השגחה איבערן מנקר זעלבסט, דערצו וואס עפ"י רוב איז דער מנקר דער בעל הבית פון יאטקע (בוטשער).

ליידער האט דאס אומנות "ניקור" באקומען א פנים ווי "שניידער", און "שוסטער" ווערק מען לערנט זיך אויס דאס פאך צוקיקענדיג, און נאכדען נעמט מען אויף א "פאסטען אהנדעם וואס מען זאל זיך האבען פארהערט, אדער מען זאל לפחות זיין איבערצייגט אויב ער איז גענוג ירא שמים אהנצונעמען א אחריות פולע פאסטען, אזוי ווי "ניקור" אינדערצייט וואס "ניקור חלב" פארלאנגט צו זיך היינט צו טאג פיל מער ירא שמים ווי אמאל צוליב דעם וואס די רבנים און ש"ס קענער מיט אנדערע מו"צ פון היינט פארשטייען נישט דערצו "כי הוא זה".

ועי' באריכות בספר טיול בפרדס ערך שחיטה בענין ניקור חלק הפנים.

בהמה פלייש
פרק ה.

ביים ענדיגען מיין אראפרעדען זיך פון הארץ ווייל איך אויך אראפשרייבען מיין מיינונג וועגן עסען בהמה פלייש פאר איינעם וואס איז א מדקדק במצות.

לדעתי ולדעת גדולי הצדיקים דארף מען זיך מונע זיין פון דעם ווי ווייט מעגליך וועגן די ווייטער — דערמאנטע טעמים:

ביז דאס שטיקעל פלייש ליגט אויפן טעלער מיז עס אסאך שווערע הלכה שאלות דורכגיין און אסאך סייעתא דשמיא מיט זכות אבות מיז זיין אז עס זאל זיין כשר.

(איך ברענג נאר ארויס די טעמים פארוואס בהמה איז שווערער ווי עופות)

א) דער חלף איז פיהל גרעסער און פיהל שווערער צו מאכען גלאט ווי ביי עופות.

ב) עס איז דא דיעות אז שחיטת עוף איז נישט מן התורה (עי' כנה"ג סי' כ"ט, וב"ח ופמ"ג ריש ה' שחוטה), וואס דאס איז א גרויסע נפ"מ ביי שהייה, דריסה, חלדה, הגרמה, עיקור.

ב*) דער בהמה זאל זיך נישט רירען ביי די שחיטה.

ג) שמוציגע העלזער ביי די שחיטה.

ד) בודק זיין א לאנגען חלף געהעריג.

ה) בודק זיין דעם לינג (בדיקת הריאה).

ו) מנקר זיין חלב.

ז) פארבלעמען ביי די בית הכוסות.

ח) די גאונים און צדיקים שרייבן אז דאס וואס מיר האבען בקבלה "רוב בהמות כשרות" איז שוין בטל געווארען (כ"כ בשו"ת התעוררות תשובה ח"א סי' ק"ז וכ"כ בבני יששכר חודש אדר דף צ"ט ע"ב).

ט) דער האריז"ל זאגט אז ביי עסענווארג זאל מען מחמיר זיין אפילו אויב רוב הפוסקים האלטען מותר אויב עס איז דא איין פוסק וואס האלט אסור (סידור האריז"ל דמהר"ש מובא בישועות חכמה עמ' ס"ד, וכעין זה בצוואת השל"ה לבניו).

י) דער פלא יועץ שרייבט (אות טרף): אז ער האט גרויס הנאה פון דעם וואס חסידים און אנשי מעשה זענען מדקדק נישט צו עסען בהמה פלייש ווייל עס איז זייער שווער מען זאל טרעפן עס זאל זיין כשר לכו"ע.

י"א) דער ש"ע האריז"ל שרייבט: אז אויב מען וועט געווארענט זיין נישט צו עסען א גאנצע וואך בהמה פלייש וועט מען ניצול ווערן אפילו פון א עבירה בשוגג.

דער מהר"ם שי"ק זצ"ל האט קיינמאל נישט געגעסן קיין בהמה פלייש (מנהגי מהר"ם שיק).

י"ב) דער בעל הקנה שרייבט אין זיין ספר טעמי המדות (מובא בקסת סופר סי' ב' סק"ד) אז רוחות קדושות נושבת בעוף.

י"ג) די דאקטוירים און פראפעסארען באהויפטען אז בהמה פלייש ברענגט ל"ע ערנסטע קראנקהייטען, קישקע קראנקהייט – קענסער ל"ע – עלערגי' (*elergy*) אין פארקאלכונג ל"ע רח"ל.

י"ד) ביי בהמה איז דא בדיקת פנים ובדיקת חוץ אויף סרכות, אין נאך אנדערע זאכען. איך קען אידען חסידים ואנשי מעשה וואס וועלן זיך נישט צורירען צו בהמה פלייש בעד כל חללי עלמא, אין ארץ ישראל און אויך אין חוץ לארץ.

## פרק ו

מיר גיבען דא א קורצן איבערבליק איבער די פראבלעמן און אירע פאלגען (תוצאות)

פראבלעם :א. די רבנים וגאונים און גרעסטע פוסקים ומשיבים פון היינטיגען דור (אויסער איינס אדער צוויי) קענען בכלל נישט דעם פראקטיק פון ניקור אזוי ווי איך האב זיך איבערצייגט זייענדיג ביי זיי פערזענליך, דאס איז אויך כולל די רבנים המכשירים, און סתם משגיחים.

תוצאה: (רעזולטאטן).

1) אויב עס מאכט זיך א מבוכה (ספק) אין א געוויסע פרט פון ניקור אויב מען איז מחויב, אדער עס איז בלויז א מנהג וואס ווענדט זיך אין א געוויסע מקום איז נישטא ווער עס זאל קענען מכריע זיין.

2) די רבנים קענען נישט נאכקוקען (לבקר) די געשעפטען ווי זיי זעלבסט געבן השגחה צו זעהן אויב מען טוט וואס מען דארף, במילא קען דער מנקר טוהן וואס ער וויל, ווען ער וויל, וויאזוי ער וויל.

3) אויב איינער האט א באקלאג אויף ניקור אז עס איז נישט ווי עס דארף זיין, האט ער נישט צו ווענדן זיך צו ווענדען, ווייל דער רב אליינס פארלאזט זיך אויפן מנקר.

4) צוליב דעם וואס די מנקרים פארהערן זיך נישט איז נישטא קיין פארזיכערונג אויף די יראת שמים פון די מנקרים, ווייל געווענליך געט מען נישט קיין קבלה אויף שחיטה! און סופרות נאר אויב מען איז איבערצייגט אין זייער עהרליכקייט

אויך, דינט דאס במילא אלס גדר אז די שוחטים און סופרים זאלן זיין יראי השם אויך, אבער ביי ניקור ווי עס איז נישטא קיין פארהער איז דער פאזיציע פריי פאר יעדן.

5) אפילו זיי זאלען שטעלן עקסטער משגיחים אכטינג צו געבן אויף די ניקור קענען זיי נישט האבען קאנטראל איבער די משגיחים אויב זיי טוען זייער ארבעט באמונה.

6) זעה ווייטער או׳ ב׳ נומער 3).

7) יעדער איז בארעכטיגט צו זאגען וועלכע חלקים זענען תלוי במנהג, און ווי מען האט נישט מקפיד גווען אויף דעם מנהג — ומי יאמר לו מה תעשה.

8) גרויסע מכשולות פאסירען זעה ווייטער או׳ ו׳, נומער 2).

פראבלעם: ב׳.

די מנקרים האבען נישט קיין געהעריגען איבערוויז איבער זייער קענטעניסען (קבלה).

תוצאה:

1) מען איז געצווינגען צו נעמן א מנקר אהנע כתב קבלה וואס דורכדעם איז שווער פאר א מדקדק נאכקאנטראלירען אויב דער מנקר איז פארלעסליך.

2) עס איז נישטא קיין גאראנטי (פארזיכערונג) איבער דעם קענטעניס און יראת שמים פון מנקר.

3) אפילו דער וואס האט זיך נישט אויסגעלערנט דעם פאך ווי מען דארף קען גרינג צוקימען צו דעם פאסטען, ווייל מען פארהערט אים נישט פאר דעם.

פראבלעם: ג׳.

עס איז נישטא קיין השגחה איבער ניקור

תוצאה:

1) יעדער קען טוהן וואס ער וויל, און עס איז נאך ערגער אין א געוויסען זין ווי שחיטה, און מליחה, ווייל דארט אויב דער רב אדער סתם תלמיד חכם באפט זיך אריין קען ער אנזעהן אויב עס איז עפעס נישט כשורה, אבער ביי ניקור פארשטייט מען גארנישט וואס מען זעהט, אפילו מען לערנט די הלכות גיט פין אינעווייניג אין שלחן ערוך, אזוי ווי איך האב אליין בייגעווינט ביי גרויסע רבנים.

2) ביי יעדע עסענווארג וואס ווערט פארקויפט היינט צו טאג פארלאנגט זיך, און דער עולם פארלאנגט א פארלעסליכע השגחה, אפילו פרודקטען וואס זייער חשש איסור איז אינטער

אגרויסע פראגע צייכען, און אפילו יא איז עס א חשש רחוק פין תערובות איסור, פינדעסטוועגן האלטען זיך אפ די מדקדקים פין ניצען אהנע השגחה, כל שכל ווען עס האנדעלט זיך פין

חלב, וואס די חלקים וואס זענען אסור על פי התורה זענען ערגער פין נבילות וטריפות און אפילו חזיר, ווייל עס איז א חיוב כרת און אפילו די טיילען וואס זענען בלויז מדרבנן זענען אבער איסורים בעין, אודאי און אודאי אז עס פארלאנגט זיך א הינדערט און אפילו טויזענט פראצענטיגע השגחה, אהן שום צווייפעל.

3) מענטשן איינקויפער ווערן אפגענארט, און באגזל'ט ווייל זיי קויפען דאס פלייש מיטן פארזיכערונג אז אלע הלכה שאלות זענען אינטער שטרענגע השגחה, אזוי ווי יעדע פלייש באנק (געשעפט) איז אפגעסטעמפלט "כשר למהדרין תחת השגחת רב פלוני".

4) א געשעפט וואס די ניקור האט נישט קיין השגחה ווערט אפגעזיגעלט כשר "למהדרין", וויאזוי מעג דאס זיין.

5) אויב דער געשעפט וואלט מפרסם געווען "אין די געשעפט איז נישטא קיין השגחה אויף ניקור" וואלטן אסאך זיך אפגעהאלטן פין עסען בהמה פלייש, ויאזוי מעג מען גונב דעת זיין, דאס איז זיכער נישט קיין תירוץ אז דער סטעמפל "השגחה" מיינט נישט ניקור, ווייל פשוטע אידען ווייסען נישט וואס ניקור מיינט, און זיי קויפען זייער פלייש מיטן ציטרוי צום רב המכשיר אז אלע טיילען ווי עס קען זיין שאלות איז אינטער דעם קאנטראל פון ר"ב.

6) א מענטש איז נישט קיין מלאך און אויב ער פארגעסט

אמאל מנקר צו זיין דעם חלב אזוי ווי מען דארף עפ"י הלכה וועט דאס קיינער נישט באמערקן נישט אין געשעפט און אודאי נישט אין שטיב, וואס דאס באדייט א זיכערער מכשול (שטרויכלונג).

פראבלעם: ד'.

דאס יונגע דור ווייסט נישט אז מען דארף מְנקר זיין חלב אפילו היינט צו טאג וואס מען ניצט בלויז די פאדערשטע טייל פין די בהמה.

תוצאה:

1) עס איז גורם אז מדקדקים וואס ווילן קאנטראלירען וואס זיי נעמען אריין אין שטיב ווייסען נישט אז מען דארף דאס אויך נאכקיקען.

2) מען געבט נישט די געלעגנהייט פאר מדקדקים זיי זאלן קענען מחמיר זיין אינגאנצען נישט צו ניצען די טיילען וואס דארפן ניקור, און די אנדערע טיילן אכטונג געבן עס זאל אויסגעזאלצען ווערן באזינדער.

3) עס קען לייכט פאסירען אז איינער עפנט א געשעפט (בוטשער־יאטקע) און פארקויפט בהמה פלייש אום־געניקורט צוליב דעם וואס ער האט קיינמאל נישט געוויסט פון אזא זאך — דער איינקויפער וועט זיך אויך נישט נאכפרעגן, צוליב דעם זעלבן טעם.

פראבלעם: ה׳.

אסאך מנקרים האבען איגאנצען נישט געלערנט די הלכות פון שלחן ערוך אדער אנדערע אחרונים נאר פשוט צוגעקיקט וויאזוי אנדערע זענען מנקר, און טיט נאך דאס זעלבע.

תוצאה:

1) מען האט נישט קיין קלארקייט אינעם פאך.

2) געוויסע חלב ווענדט זיך אין מנהג און ער וועט נישט וויסען אז דעם אופן ניקור וואס ער האט געלערנט טאר ער נישט איבעראל טוהן דאם זעלבע.

3) מיט די צייט לעבט מען זיך איין אז דאס איז נישט קיין הלכה׳דיגע פאך, נאר א ארבעט פון ריינוגען דאס פלייש אזוי ווי מען ציהט אפ אנדערע כשר׳ע פעטען, און דאס וועט גורם זין אז דאס איז נישט א זאך וואס מיז זיין נאר עס ווענדט זיך אין חשק פון בעה״ב.

4) זה או׳ ו. נומער 1) 2).

פראבלעם: ו׳.

עס איז דא חלקים וואס אין ארץ ישראל און פולין, רוסיא, ליטע, ועוד האט מען געהאלטען אלס איסור גמור מן התורה און א חיוב כרת, און אין אמעריקע הייבט מען נישט אהן דאס אראפצונעמן מיטן אויסרייד אז אין אונגארן האט מען מקיל געוועזן ביי דעם.

אינדערצייט וואס עפ״י הדין וואלט מען אין אמעריקע געדארפט אהנעמען אלע חומרות פון אלע פלעצער צוליב דעם וואס אמעריקע באשטייט פון צוזאמגעלאפענע פון די גאנצע וועלט (עפ״י תוס׳ פסחים י״ד ד״ה שתי).

תוצאה:

1) די וואס קומען פון פלעצער ווי מען האט שטארק מחמיר געוועזן אבות אבותיהם, און אפילו די כלים וואס מען האט

געקאכט דערין פלייש מיט דעם חלב האט מען נישט גענוצט אהנע כשר'ן, ווי ארץ ישראל, פולי'ן, רוסיא, ליטא, א.א.וו. עסען זיי דא דעם חלב ממש.

2) מענטשען וואס וואוינען אויסער אמעריקע, ווען זיי זענען צוגאסט אין אמעריקע עסען רוהיג אלע פליישען כאטש זיי זענען נישט בארעכטיגט, בפרט די ארץ ישראל אידען ווי מען איז נאך היינט צו טאג שטארק מחמיר אין אלע פרטים פין ניקור פאסירט אויב זיי עסען געוויסע טיילען פלייש אז זיי עסען חלב, וואס אין ארץ ישראל רירען זיי נישט צו, צוליב איסור כרת, און עס איז דארט אזוי אסור ווי חזיר, און נאך ערגער, און דא עסט מען דאס רוהיג, דאס האט קיין שום היתר נישט עפ"י הלכה (עי' או"ח סי' תס"ח ובנו"ב), און עס ליגט א פליכט אופן רב המכשיר צו פאדערן דעם בעה"ב אופצושרייבען אופן שילד (טאוועל) פין געשעפט אז דער ניקור איז נור לויט מנהג אונגראן. און דאס אליינס איז נאכנישט גענוג ווייל נישט יעדער עמך איד פארשטייט וואס דאס מיינט, ער דארף אויך צושרייבען אז נור פליטי ויוצאי אונגארן מעגן עסען לויט דעם ניקור וואס זיי האבען.

און יעדער איד דארף אויך אכטינג געבן נישט צו געבן בהמה פלייש פאר זיין אורח אויב ער שטאמט נישט פין אונגארן.

